# די גאָלדענע קייט

פֿערטליאָר־שריפֿט פֿאַר ליטעראַטור
און געזעלשאַפֿטלעכע פּראָבלעמען

115

אַרויסגעגעבן פֿון ההסתדרות הכללית של העובדים בארץ־ישראל
תל־אָבֿיבֿ
1985

15/6315

ק. צעטניק / תל־אָבֿיבֿ

# דער לעצטער אַפּעל

(דערציילונג)

שטומע, ציטערדיקע דערוואַרטונג.

אַלע, אין אויסגעשטעלטע רייען, צום אָוונט־אַפּעל. אַלע זענען צוגעגרייט. דער באַשאַף האַלט איַין דעם אָטעם. רודאָלף הויס, דער אַלמאַכטיקער קאָמענדאַנט פֿון אוישוויץ, בכבֿודו־ובעצמו, ווערט דערוואַרט. ער וויל זען מיט זיַינע אויגן ווי עס קוקן אויס די אויסדערווײלטע באַשעפֿעניש'ן פֿון דער גרופּע „פֿײַנדרוקער", וואָס וועלן באַלד נאָכן אַפּעל אַרויס פֿון אוישוויץ, נישט דורכן קרעמאַטאָריע־קוימען, נאָר דורך דעם געעפֿנטן טויער פֿון אוישוויץ.

די פֿײַנדרוקער שטייען אין אַ באַזונדערער שורה. זיי שטייען לעבן די העכסטע פּראָמינענטן פֿון קאַצעט. לינקס — די אויסגעפּאַשעטע פֿונקציאָנאַרן פֿון קיכבלאָק; רעכטס — די איידעלע, זאַטע פּנימער פֿון שריַיבערבלאָק. פֿאַר די פֿײַנדרוקער איז איצט דער לעצטער אַפּעל אין אוישוויץ. מע זאָגט אַז זיי ווערן געשיקט אין טיף־דײַטשלאַנד, אין אַ פֿײַנדרוקערײַ פֿון פֿאַלשע דאָלאַרן.

אַלעמענס אויגן זענען געווענדט צו זיי. צי וועט דאָס אומגלייבלעכע געשען? צי וועלן זיי באמת אַרויס פֿון אוישוויץ? אַלץ האַלט איַין דעם אָטעם.

פֿון אַ וויַיטן ערגעץ טראָגן זיך אַהער געדעמפּטע אָפּגעריסענע קלאַנגען פֿון אַ בלאָז־אָרקעסטער. מסתּמא אַ נײַער טראַנספּאָרט ווערט געפֿירט פֿון דער באַנראַמפּע צו דער קרעמאַטאָריע. אונטער די שוויַיגנדיקע הימלען הערן זיך די אויסגייענדיקע קלאַנגען פֿון די טאַצן. אַ טאָג שטאַרבט אין אוישוויץ.

קעגן איבער, האָט זיך פֿון קרעמאַטאָריע־קוימען געוויקלט אַ געדיכטער, פֿעטער רויך און שטיל זיך אַראָפּגעלאָזט איבער די שטייענדיקע רייען אויפֿן אַפּעלפּלאַץ. עס האָט אויסגעזען ווי די פֿאַרברענטע וואָלטן, פֿון געוווינטקייט, צוריקגעקומען זיך שטעלן צום אַפּעל.

חיים־יִדל שטייט צווישן די פֿײַנדרוקער. ער קוקט צו די שיך אויף זיַינע פֿיס. פֿון זינט מע האָט אים געבראַכט קיין אוישוויץ, פֿון זינט ער איז געבליבן שטיין אַ נאַקעטער, אַ באָרוועסער אויף אָט דעם אַפּעלפּלאַץ, טראָגט ער איצט ווידער שיך. שוואַרצע שיך, גוטע שיך. זיי פֿאַרשנורן זיך איבער די קנאָפּלען, נעמען אַרום דעם פֿוס מיט אַ געטריַישאַפֿט, ווי געליבטע מאַן און וויַיב וואָלטן זיך ווידער געפֿונען נאָך אוישוויץ.

פֿײַנדרוקער. ס'איז זייער לעצטער אַפּעל אין אוישוויץ. זיי שטייען אויסגעוואַשענע, פֿריש־געשוירענע, ריין־געקליידטע. יעדער אַ געשטריַיפֿט מיצל אויפֿן קאָפּ, אַ געשטריַיפֿט העפֿטלינגהעמד אונטער דער געשטריַיפֿטער העפֿטלינג־מאַרינאַרקע. אַלע קנעפּלעך פֿאַראַן. מע קאָן פֿאַרקנעפּלען ביז צום האַלדז. ער האָט שוין פֿאַרגעסן אַז אַזעלכעס האָט אַ מאָל עקסיסטירט. ווען איז דאָס געווען? זיַין זכּרון דערגייט נאָך אַלץ נישט ביז אַהין.

בלאָק־עלצטע, קאַפּאָס, שרײַבערס, די העכסטע פּראָמינענטן אין קאַצעט. די אויסדערווײלטע אויף דעם פּלאַנעט וואָס רופֿט זיך אוישוויץ קוקן איצט מיט קינאה אויף דער קורצער שורה פֿײַנדרוקער. איטלעכער וואָלט איצט געוואָלט זײַן אויף דעם אָרט פֿון יענע, וואָס שטייען דאָרטן אָפּגעזונדערט. איטלעכער טראַכט: ווען עס גראָט אים בלויז אַרויסצוקומען אויף דער צווייטער זײַט פֿון די עלעקטריש־געלאָדענע שטעכלדראָטענע מויערן! אין דרויסן וואָלט ער שוין געוווּסט ווי אַזוי זיך צו געבן אַן עצה. נישט ווי אָט די געוועזענע פֿאַרשטונקענע מוזלמענער, וואָס וועלן אַוודאי אויך אין דרויסן וואַרטן ביז די דײַטשן וועלן זיי ליקווידירן.

פֿײַנדרוקער. זיי שטייען אָפּגעזונדערט אין אַ שורה און שווײַגן. דאָס האַרץ גייט איבער. די אויגן קוקן. דער מוח קאָן נישט באַכלויפּן מיט קראַנקע פּיס דעם משוגענעם פּלי פֿון די צעהיצטע געפֿילן. אַלעמענס אויגן זענען אײַנגעשטאָכן אין זיי. אָט שטייט אַ קורצע שורה העפֿטלינגס. צי איז דאָס טאַקע זייער לעצטער אַפּעל אין אוישוויץ? אַ שרעקלעכער סוד הילט זיי אַרום. זיי גייען אַרויס צו אַ וועלט וואָס עקסיסטירט ערגעץ אויף אַ ווײַטן, פֿרעמדן מילכוועג, און זיי טראָגן מיט זיך אין די שוואַרצאַפּלען דעם סוד פֿון אוישוויץ. איז דאָס מעגלעך?

זיי — און ער, חיים־ייִדל, צווישן זיי!... ברונאָ, דער שוידערלעכער בלאָק־עלצטער, פֿון בלאָק 14, איז געזעסן דרײַ טעג אויף אַ שטול אין מיטן אַפּעלפּלאַץ. זײַנע פּיס אויסגעצויגענע, באָרוועסע, אָן די הויכע שוואַרצע שטיוול. מע האָט אים צוריקגעבראַכט אַ דערשאָסענעם. ער איז שוין געווען אויף דער צווייטער זײַט פֿון די עלעקטרישע שטעכלדראָטן. אויף זײַן ברוסט איז געהאַנגען אַ גרויסע אויפֿשריפֿט: „פֿון אוישוויץ קומט מען אַרויס נאָר דורכן קרעמאַטאָריע־קוימען!” זיי, די פֿײַנדרוקער, וועלן אַרויס פֿון אוישוויץ. און ער, חיים־ייִדל, צווישן זיי!

ער ווייס שוין אַז מע שיקט זיי קיין טיף־דײַטשלאַנד, דאָרטן וועלן זיי זײַן באַשעפֿטיקט בײַם דרוקן פֿאַלשע דאָלאַרן. בײַם וואָרט „דאָלאַרן” גיט אים אַ שטאָך אין מוח. ווי קומט ער, חיים־ייִדל, צו דרוקערײַ בכלל, דערצו נאָך פֿײַנדרוקערײַ און דאָלאַרן, בשעת ער האָט אין זײַן לעבן נישט אַריבערגעטראָטן די שוועל פֿון אַ דרוקערײַ. נאָר אויב אַ מענטש האָט נישט מער וואָס צו פֿאַרלירן, איז ער מחויבֿ צו טאָן אַלץ וואָס על־פּי־שׂכל טאָר מען נישט טאָן. למשל, בשעת די דײַטשן האָבן אָנגעהויבן שיסן אויף דער ערשטער ריי ייִדן אין כמעלניקער וואַלד, האָט ער זיך אויפֿגעהויבן פֿון צווישן די ליגנדיקע אויף דער ערד, געכאַפּט דאָס קינד אויף איין האַנט, אַ שלעפּ געטאָן דבֿורטשען, זײַן ווײַב, מיט דער צווייטער האַנט, און גענומען אַנטלויפֿן, כאָטש דאָס איז בפֿירוש געווען קעגן שׂכל־הישר, ווײַל די דײַטשן האָבן דאָך פֿריִער געוואָרנט, אַז ווער עס וועט זיך אויפֿשטעלן פֿון דער ערד, וועט באַלד דערשאָסן ווערן.

יאָ, טראַכט חיים־ייִדל, ווען ער וואָלט כאָטש געוווּסט ווי עס זעט אויס אין אַ דרוקערײַ, וואָלט אים איצט געווען גרינגער אויפֿן האַרץ. אין דער היים פֿלעגט אים אָפֿט מאָל אויסקומען פֿאַרבײַצוגיין לעבן ראָזנטאַלס דרוקערײַ. זומערצײַט פֿלעגט דאָס שמוציקע פֿענצטער זײַן אָפֿן צו דער גאַס. דער רוקן פֿון אַ בחור אין אַ בלאָען כאַלאַט מיט שוואַרצע פֿאַרבפֿלעקן איז געווען צו זען פֿון גאַס. יענער איז געשטאַנען אַן אויסגעדרייטער צו אַ קלאַפּנדיקער מאַשין; אַ גרויסער, גלאַנצנדיקער טעלער, ווי אַ

שוואַרצע פֿולע לבֿנה, האָט זיך אָן אויפֿהער געהויבן און געלייגט. קיין מאָל איז אים נישט אײַנגעפֿאַלן אָװעקצושטעלן זיך אַ רגע און קוקן. פֿון וואַנעט האָט ער דעמאָלט געזאָלט וויסן, אַז דאָס וועט אים אַ מאָל דאַרפֿן ראַטעווען דאָס לעבן?

פֿון דער מינוט ווען מע האָט אויסגערופֿן אין די בלאָקן עס זאָלן זיך מעלדן פֿײַנדרוקער, האָט די זאַך אים נישט געלאָזט רוען. פֿײַנדרוקער! דער באַטײַט פֿון דעם וואָרט איז אים, וואָס אָן אמת, נישט געווען קלאָר. בעצם האָבן זיך קיין סך נישט געמאָלדן, ווײַל עס זענען נישט געווען אַזעלכע. לויט ווי חיים־יידל האָט אויסגעפֿאָרשט האָבן זיך געמאָלדן בלויז אויסלענדער, נישט קיין היימישע יידן. ווייס ער נישט, בעצם, ווי אַזוי ער וועט מיט זיי רעדן. האָלענדער, פֿראַנצויזן, בעלגיער, אָן אַ יידיש וואָרט אין מויל, אָבער פֿאָרט יידן מיט אַ יידיש האַרץ. פֿײַנדרוקער! דער פֿאַך גופֿא איז אַ נאַרישקייט. מע לערנט זיך אַלץ אויס. דער עיקר צי די אַרומיקע וועלן דיך נישט לאָזן פֿאַלן. אמת, ער ווייס נישט וואָס עס מיינט דאָס וואָרט פֿײַנדרוקערײַ, אָבער וואָס אין די נפֿקא־מינה? און אַ פּראָסטע דרוקערײַ ווייס ער דען יאָ? בטחון, חיים־יידל, בטחון! און ער איז טאָקע דעמאָלט אַוועק זיך פֿאַרשרײַבן ווי אַ פֿײַנדרוקער.

— ביסטו, זאָגסטו, אַ פֿײַנדרוקער? — האָט דער שרײַבער, נישט אויפֿהייבנדיק די אויגן פֿון דער ליסטע, געפֿרעגט.

— אַ פֿײַנדרוקער — האָט חיים־יידל געענטפֿערט — פֿאַרשטייט זיך אַ פֿײַנדרוקער.

דער שרײַבער האָט אַרײַנגעקוקט אין די דײַטשע פֿאַרשריפֿטן פֿון אַ צווייטן צירקולאַר און געשטעלט דערבײַ שאלות:

— פֿאַרביקע קלישע־אַרבעט האָסטו געמאַכט?

— מסתמא האָב איך געמאַכט, אַלץ קאָן מען מאַכן — האָט חיים־יידל אָפּגעפּטרט די שאלה, בשעת זײַן האַרץ האָט געפֿרעפּלט: רבונו־של־עולם, פֿאַרלאָז מיך נישט!

דער שרײַבער האָט אַרויסגעהויבן אָן אויג פֿון די ליסטעס צו חיים־יידלען, און געזאָגט מיט אַ טאָן, ווי ער וואָלט זיך פֿאַרענטפֿערט:

— ווײַל, פֿאַרשטייסטו, געוויינטלעכע דרוקער ווערן נישט געברויכט.

— ווער רעדט פֿון געוויינטלעכע דרוקער? — האָט חיים־יידל געזאָגט, בשעת זײַן האַרץ האָט געשעפּטשעט: רבונו־של־עולם, איך האָב נישט צו וועמען זיך צו ווענדן, דו ביסט אַ טאַטע, כּרחם אָבֿ על בנים, פֿאַריתום מיך נישט טאָפּלט!

דער שרײַבער האָט צוריק אַראָפּגעלאָזט די אויגן אויף די אָנווײַזונגען און פֿאַרשריפֿטן און געזאָגט:

— איך מוז שטעלן די אַלע שאלות, דאָס איז מײַן פֿליכט! לויט דײַנע ענטפֿערס, וועל איך דיך שטעלן דער ערשטער אויף דער ליסטע, צוליב דײַנע קוואַליפֿיקאַציעס.

איצט, שטייענדיק צווישן די פֿײַנדרוקער, וואַרפֿט חיים־יידל אַ בליק צו די שכנים לעבן אים. במשך די לעצטע צוויי טעג, בשעת מען האָט זיי אָפּגעשלאָסן אין אַן אָפּגעזונדערטן, היגיענישן בלאָק, זענען זיי געוואָרן ווי איין משפּחה־ברידער. אמת, קיינער פֿון זיי רעדט נישט אַ וואָרט יידיש, אָבער חיים־יידלס איבערגעגעבנקייט און ליבשאַפֿט צו יעדן פֿון זיי האָבן זיי באַלד דערפֿילט. אַזעלכעס פֿילט מען אָן ווערטער. זיי האָבן אים געמאַכט פֿאַר זייער גרופּן־פֿירער. ער האָט דאָס בפֿירוש נישט געוואָלט,

ער האָט זיך געווערט קעגן דעם, נאָר זיי האָבן אים געצוווּנגען אָנצונעמען דעם כּבֿוד. זײַן נאָמען איז דאָך דער ערשטער אויף דער ליסטע — האָבן זיי געטענהט.

ברידער, איין משפּחה. האָלאַנד, אַנטווערפּן, פּאַריז — וואַרף אַוועק די אַלע פּרעמדע, אויסלענדישע נעמען פון ווײַטע גויִישע מרחקים און עס בלײַבט שטיין פאַר דײַנע אויגן אַ ייִד! אַ ייִד אַזוי ווי דו, כאָטש נישט געבוירן אין אַ ייִדיש שטעטל ווי דו, אין כמעלניק. אָבער איטלעכער פון זיי האָט געהאַט אַ ייִדישע מאַמע, ווי דײַן מאַמע. צוליב דעם טאַקע געפינען זיי זיך דאָ, צוזאַמען מיט דיר, אין אוישוויץ.

ניין, זאָגט חיים־ייִדל אין האַרץ. ער וועט נישט גיין פאַרלירן צווישן ברידער, ייִדן, זיי פילן ווי טיף ס'איז זײַן ליבשאַפט צו זיי. און ווען אַפילו זיי וועלן באַלד דערזען אַז ער האָט נישט קיין שום אַנונג אין דרוקערײַ, וועלן זיי אים אויך נישט לאָזן פאַלן. זיי וועלן אים פאַרשטיין. וואָס האָט ער דען סך־הכּל געוואָלט? לעבן האָט ער געוואָלט! ראַטעווען זיך האָט ער געוואָלט! צי דערפאַר ווײַל ער איז נישט קיין פײַנדרוקער דאַרף ער נישט לעבן? ס'איז נישט קיין בושה אַז ער וויל לעבן, ער האָט קיינעם דערמיט נישט באַגנבֿעט.

קעגן איבער זײַנע אויגן, ווײַט־ווײַט, איבער די שטעכלדראָטן, שפּרייטן זיך די אוישוויצער לאַגער־אָפּטיילונגען. נאָר איצט זעט אַלץ אויס אַנדערש אין חיים־ייִדלס אויגן. בטחון! דער עיקר בטחון! — פּרעפּלען זײַנע ליפּן ווי אַ תּפילה־זכּה. און אַ שיעור שטעכלדראָטן אויפן האָריזאָנט. דער הימל איז פאַרשנורט מיט שטעכלדראָטן, אָבער איצט זעען זיי אויס אין זײַנע אויגן ווי אויסגעשפּרייטע פישערנעצן, אויפגעהאַנגענע צום טריקענען אין אַ פישערדאָרף. מאָדנע, אַפילו דער רויך פון קרעמאַטאָריע־קוימען איז מער נישט דער זעלבער ווי נעכטן־אייערנעכטן.

◉

פּלוצעם איז עפּעס אויסטערלישס געשען: אַ העפטלינג איז אַרויסגעלאָפן פון איינער פון די אויסגעשטעלטע רייען צום אַפּעל. ער האָט זיך אָפּגעריסן פון זײַן שורה און אָנגעהויבן לויפן צום הויפּטשאָסיי פון לאַגער. אַלעמענס אויגן זענען איצט געווענדט צו דעם לויפנדיקן.

מאַניש! — האָט זיך אַ ריס געטאָן פון חיים־ייִדלס מויל. דאָס איז דאָך מאַניש, דער עלף־יאָריקער מאַניש, דער אַלטער קאַצעטניק אין אוישוויץ, דער געוועזענער פּיפּל בײַ כּמעט אַלע בלאָק־עלצטע; מאַניש, די אַלטע קורווע, האָבן זיי אים גערופן.

מאַניש איז געלאָפן איבערן ליידיקן לאַגער־שאָסיי מיטן פּנים צו די שטעכלדראָטן. פון די וואַכטורעמס האָבן רערן פון מאַשין־געווער נאָכגעפאָלגט דעם לויפנדיקן באַשעפעניש, ווי פּראָזשעקטאָרן נאָך אַ פײַנדלעכן פליִער אויף אַ נאַכטיקן הימל. זיי האָבן נישט געשאָסן. זיי גופא זענען אַ פּנים אויך געווען פאַרכאַפּט פון דעם אויסטערלישן בילד. און זיי האָבן געוואָלט זען דעם צוזאַמענטרעף פון אַ מוזלמאַן מיט די אוישוויצער שטעכלדראָטן. אַזעלכעס קאָן טרעפן בײַ נאַכט, אָבער בײַם ליכטיקן טאָג איז אַזאַ בילד אַ זעלטנקייט. במילא וועט ער נישט אַנטרינען פון די מאַשינביקס־רערנאויגן.

אַ קליין סקעלעטיש גופעלע לויפט אויפן ליידיקן שטח צו די שטעכלדראָטן. ער איז געפאַלן, זיך צוריק אויפגעשטעלט, ווײַטער געלאָפן.

מאַניש!

די אויגן פון אַ גאַנצן לאַגער, אײַנגעשטאָכענע אויף אַ פּיצעלע רוקן פון אַ

סקעלעטיש קלײן גופֿעלע; אויגן פֿון פֿריש־געקומענע טראַנספּאָרטן און אויגן פֿון שטאַמהעפֿטלינגס; פּראָמינענטן, מאַשין־געווער־רערן פֿון אַלע וואַכטורעמס, אַלע אויגן זענען איצט געווענדט צו אַ צאַנקענדיקן פֿונק פֿון אַן עלף־יאָריק נישט־דערלעבט לעבן.

מאָניש, דער אַלטער קאַצעטניק אין אוישוויץ, לויפֿט צו די דראָטן. ס׳איז איצט זײַן לעצטער אַפּעל אין אוישוויץ. לויפֿנדיק איז ער אַרײַנגעפֿאַלן אין אַ גרוב, פֿאַרשווּנדן פֿון די אויגן, ווי גלײַך דער לאַגער־שאָסיי האָט אים אײַנגעשלונגען. נאָר באַלד איז ער ווידער אַרויפֿגעשווומען פֿאַר די אויגן. די נאַקעטע פֿיסדרעטלעך האָבן זיך לויפֿנדיק געבויגן, געוואַקלט ווי שיכּור. ער האָט געוואָלט ווײַטער לויפֿן צום ציל און נישט געקאָנט. די ערד פֿון לאַגער־שאָסיי האָט אים אַראָפּגעצויגן צו זיך און די ווײַסע האָריזאָנט־פֿאַסן צווישן די שורות שטעכלדראָטן האָבן אים געצויגן צו זיך. פּלוצעם, פֿון געעפֿנטן טויער, האָט זיך באַוויזן דער שוואַרצער אויטאָ פֿון לאַגער־קאָמענדאַנט: רודאָלף הויס!

בשעתן אָנקום פֿון לאַגער־קאָמענדאַנט האָט מאָניש דערגרייכט צו די שטעכלדראָטן און ווי אַ צאַנקענדיקע ליכט פֿאַרן פֿאַרלעשן זיך כאַפּט זיך אויף מיט אַ פֿלאַם, אַזוי האָבן מוזלמענישע הענט און פֿיס מיט אַ משונהדיקער שנעלקייט אָנגעהויבן זיך דראַפּען אויף די שטעכלדראָטן, ווי אַ שפּין אין אײַלעניש אויף איר אייגענעם געוועב. מענטשלעכע הענט און מענטשלעכע פֿיס, ווי זיי וואָלטן געלעבט אַן אייגן לעבן מיט אַן אייגענעם ווילן. דאָ, אין אוישוויץ, האָט קיינער נישט געזען אַזעלכע הענט און אַזעלכע פֿיס. אָט בלײַבן די הענט און פֿיס הענגען אומבאַוועגלעך, אויסגעשפּרייטע אויף די שטעכלדראָטן אָן כּוח, ווי אַ זשאַבע אין מיטן שווימען, און פּלוצלינג, אויף ס׳נײַ, ווידער אַ פֿלעמל אויף, ווידער העכער, אַרויף, אַרויף, און דאָס גופֿעלע איז אַריבערגעפֿאַלן, געבליבן ליגן אויף דעם שמאָלן ערדפּאַס צווישן צוויי צוימען שטעכלדראָטן.

ווי אַזוי איז אַזעלכעס מעגלעך? ווײַזט אויס אַז בײַ טאָג זענען די דראָטן נישט געלאָדן מיט עלעקטרישן שטראָם.

רודאָלף הויס איז געשטאַנען אין זײַן אָפֿענעם אויטאָ און געגאַפֿט צו דעם בילד. ער האָט אויפֿגעהויבן אַ האַנט צו די וואַכטורעמס מיט אַ צייכן: נישט שיסן!

מאָניש האָט געפּרוּווט זיך אויפֿהייבן. פֿאַר אים איז געווען אַ צווייטע שטעכלדראָטענע מויער. ער האָט זיך געוואָלט אויפֿשטעלן און אַריבער אויך די צווייטע שטרויכלונג, נאָר ער איז אַוועקגעפֿאַלן צו דער ערד.

ראָבערט, דער גרוליקסטער צווישן די בלאָק־עלצטע, האָט זיך נישט געקאָנט באַהערשן פֿון גרויס התפּעלות:

— בראַוואָ! אַלטע קורווע, בראַוואָ!...

וואַצעק, דער קאַפּאָ פֿון דער קאַרטאָפֿל־שיילערײַ, האָט געשלונגען מיט די אויגן דאָס אומגלייבלעכע בילד. ער, וואַצעק, האָט דאָך נעכטן אויף באַפֿעל פֿון עס־עס־קיכשעף אַרײַנגעהאַקט פֿינף און צוואַנציק שמיץ אין אָט דעם עלף־יאָריקן גופֿעלע, ווײַל מאָניש, דער געוועזענער פּיפּל, האָט געגנבֿעט אַ שטיק קילעריב פֿון קיכבאַסיין צו שטילן דעם הונגער. וואַצעק האָט געוווּסט אַז דער פּיפּל וועט נישט איבערטראָגן די פֿינף און צוואַנציק שמיץ, נאָר דער הורישער עס־עס־מאַן איז געשטאַנען איבער אים און געציילט די שמיץ. וואַצעק האָט געוווּסט אַז ער הרגעט דעם פּיפּל און ער האָט עס

באמת נישט געוואָלט טאָן. פֿאָרט איז מאָניש אַן אַלטער העפּטלינג, אַ געוועזענער פּיפּל, וואָס האָט פֿאַרלוירן די פֿונקציע נאָך צוויי יאָר אין אוישוויץ. איצט האָט וואַצעק צום ערשטן מאָל דערפֿילט אין קאַצעט די וואַרעמקייט פֿון טרערן אין זײַנע אויגן.

אַלע האָבן געקוקט צו דעם סקעלעטישן גופֿעלע וואָס איז געלעגן צווישן די דראָטן ווי אַ געפֿאַנגען באַשעפֿעניש. אַלע האָבן אײַנגעהאַלטן דעם אָטעם, ווי אין אָנבליק פֿון אַ פֿאָרכטיק הייליקער אַנטפּלעקונג. דער שוואַרצער אויטאָ איז צוגעפֿאָרן צו דער אַנטפּלעקונג.

מאָניש האָט נאָך געקאָנט זען די שטיוול פֿון רודאָלף הויס לעבן זײַן קאָפּ. דער זעלבער הויס, וואָס האָט אים פֿונאַנדערגעטיילט בײַ דער באַנראַמפּע פֿון די אָרעמס פֿון זײַן פֿאַ, און אים איבערגעגעבן אַ מתּנה צו פֿראַנצלען, ווי אַ פּיפּל. פֿאַ איז אַוועק צום אויטאָמאָביל וואָס פֿירט צו דער קרעמאַטאָריע, אָבער פֿריִער האָט פֿאַ געזאָגט: מאָניש, נאָך דער מלחמה וועלן מיר זיך טרעפֿן בײַם טויער פֿון לאַגער, ס׳וועט אַוודאי זײַן אַ גרויס געשטופּ, זאָלסטו זיך נישט רירן פֿון אָרט, כּדי מיר זאָלן זיך קאָנען אָפּגעפֿינען.

— פֿאַ! פֿאַפּוש! — האָט מאָניש איצט געבעטן — נעם מיך ווידער אויף דײַנע הענט... איך קאָן נישט קומען צום טויער...

מאָניש האָט געפּרוּווט אַ לעצט מאָל זיך אויפֿהייבן. ער האָט געוואָלט זיך אײַנבײַסן מיט די ציין אין די שוואַרצע שטיוול לעבן זײַן קאָפּ. נאָר ער איז צוריק אַוועקגעפֿאַלן צו דער ערד.

די ערד האָט אים אַרומגענומען ווי אַ מאַמע בײַם אײַנוויגן איר קינד. דער אוישוויצער הימל האָט זיך אַראָפּגעבויגן צו זײַנע אויגן און געמאַכט: שאַאַאַ... דאָס קינד שלאָפֿט.